# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת משפטים תשפ"ב שנה ט | גליון מס' 418



ת.ד 102 בני ברק
פקס: 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### די תפילה פון 'יום או יומיים'

"אַךְ אִם יוֹם אוֹ יוֹמַיִם יַעֲמֹד לֹא יֻקַּם כִּי כַסְפּוֹ הוּא" (כא כא)

**רבי יוסף אב"ד פוזנא** זאגט: איינער וואס א גאנץ יאר דאוונט ער אן כוונה, און 'אך' - נאר, "אם יום או יומיים" - יום כיפור אדער די צוויי טעג פון ראש השנה, "יעמוד" - וועט ער דאווענען ווי עס דארף צו זיין, "לא יֻקַם" - זאל ער נישט טראכטן אז דורך דעם וועט ער זיך קענען שטעלן אויף די פיס און האבן א ישועה, "כִּי כַסְפּוֹ הוּא" - ווייל זיין התנהגות זאגט אז זיין התחזקות ביים דאווענען אין די טעג איז נאר כדי ער זאל זוכה זיין פארשריבן ווערן אין ספר פרנסה טובה.

אבער דער 'אמרי יוסף' פון ספינקא פלעגט אזוי פארטייטשן דעם פסוק: "אך אם יום או יומיים יעמוד" - אויך דער וואס א גאנץ יאר דאוונט נישט ווי עס דארף צו זיין, און נאר יום כפור און אין די צוויי טעג פון ראש השנה דאוונט ער ווי עס דארף צו זיין, "לֹא יֻקַּם" - וועט מען אין הימל זיך נישט צוריק האלטן פון צוהערן זיין תפילה אלס 'נקמה' אויף דעם וואס א גאנץ יאר האט ער נישט געדאוונט ווי עס דארף צו זיין, "כִּי כַסְפּוֹ הוּא" - ווייל זיין פלאג צו שפייזן זיין פאמיליע ברענגט צו אז א גאנץ יאר זאל ער נישט דאווענען ווי עס דארף צו זיין.

'נחל קדומים' [לחיד"א]; 'ליקוטי אמרי יוסף'

### 'בעליו עמו' ביי ברכת כהנים

"אִם בְּעָלָיו עִמּוֹ לֹא יְשַׁלֵּם אִם שָׂכִיר הוּא בָּא בִּשְׂכָרוֹ" (כב יד)

א כהן וואס האט געוואלט אויסטון זיינע שיך כדי צו גיין דוכנ'ען, און ווייל ער האט געהאט טייערע שיך האט ער געבעטן פון דער וואס איז געזיצן נעבן אים זאל זיי אכטונג געבן, יענער האט אים צוגעזאגט אז ער וועט זיי אכטונג געבן. אראפגייענדיג פון דוכנ'ען האט ער באמערקט אז זיינע שיך זענען גע'גנב'עט געווארן, און יעצט פאדערט ער פונעם שומר ער זאל באצאלן די ווערד פון די שיך מיט די טענה אז ער האט פושע געווען ביים אפהיטן.

**רבי ירוחם זאב טשעכענאוויץ** פון די לאמזער רבנים האט גע'פסק'נט דעם שומר, ווייל מיר טרעפן אין גמרא (ב"מ צז א) אז א רב וואס איז משעובד לערנען תורה מיט זיינע תלמידים ווערט פאררעכנט ווי א שומר וואס האט די פטור פון 'בעליו עמו', אזוי אויך דער כהן, ווייל בשעת'ן בעטן אפהיטן, איז ער געווען משועבד צו בענטשן די מתפללים, אריינגערעכנט דעם שומר, ווערט עס גערעכנט ווי 'בעליו עמו' אנטקעגן דעם שומר, און די הלכה איז דאך אז אויב עס איז בעליו עמו איז דער שומר פטור אויך אויב ער האט פושע געווען (רמב"ם שכירות א ג).

אבער אין נאמען פון **הגר"ח קנייבסקי** ווערט געברענגט אז דאס איז נישט קיין סיבה צו פטר'ן דעם שומר, ווייל אנדערשט פון דער רב וואס וואלט געקענט נישט לערנען מיט זיינע תלמידים, און דורך זיין באשלוס צו לערנען מיט זיי ווערט ער פאררעכנט ווי איינער וואס איז פארנומען מיט זיי אין לערנען, איז אבער דער כהן מחויב פון זיין זייט צו בענטשן דעם פאלק, און וויבאלד די עיקר סיבה פארוואס ער איז ארויף דוכנ'ען איז געווען כדי צו מקיים זיין זיין חוב, ווערט ער נישט פאררעכנט ביי די מתפללים ווי 'בעליו עמו'.

'תורת ירוחם' ח"ג סי' א; 'כל משאלותיך' עמ' תנז

### אמת קדמה לתפילה

"מִדְּבַר שֶׁקֶר תִּרְחָק" (כג ז)

**רבי אורי הלוי מדרויא** שרייבט:

דער וואס איז געוואוינט רעדן ליגנט קען זיך נישט שטעלן דאווענען פאר השי"ת, ווייל אויף אים שטייט אין תהילים (קא ז): "דֹּבֵר שְׁקָרִים לֹא יִכּוֹן לְנֶגֶד עֵינָי". וועגן דעם זאגן מיר יעדן אינדערפרי פארן דאווענען: "לעולם יהא אדם ירא שמים בסתר ובגלוי ומודה על האמת ודובר אמת בלבבו וישכם ויאמר...", ד.מ. צום ערשט דארף דער מענטש זיך מדבק זיין אין מדת האמת, און נאר נאכדעם זיך שטעלן דאווענען.

'בן אוּרִי' פרשת מטות [זאלקאווא תפ"ט]

## פתחו שערים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### 'יהללוך זר ולא פיך'...

פון מאל צו מאל טוה איך באגעגענען מענטשן וואס אין זייער קביעות'דיגן פלאץ וואו זיי דאווענען האבן זיי די געוואוינהייט צו זאגן ברכות השחר מיט א חברותא, אבער ווען זיי קומען אין א פרעמד פלאץ, שטארקן זיך די בושה געפילן אויף זיי און שעמען זיך צו ווענדן צו א פרעמדן מענטש בעטן הילף צו קענען פארזעצן זייער געווענליכן סדר.

און איך שטיי און וואונדער זיך: ריכטיג טאקע אז געווענליך בעטן א פריוואטע טובה פון א פרעמדן מענטש איז פארבינדן מיט א אומאנגענעמקייט, אבער דא איז עס 'בעטן א טובה' אדער 'געבן טובה'?! ווען דו טוהסט זיך ווענדן צו איינעם ביזסטו יענעם מזכה מיט עטליכע אמנים וואס ער וואלט נישט זוכה ענטפערן אן דיר, און אין די זעלבע צייט האסטו אויך הנאה אז דיינע ברכות ווערן מושלם דורך ענטפערן אמן, איז עס די בחי' פון 'זה נהנה וזה נהנה'.

מער פון דעם, דער ניסיון באווייזט אז עס קען זייער מעגליך זיין אז דער מענטש וואס דו שעמסט זיך אזוי שטארק פון אים, וויל דיר אויך בעטן דו זאלסט ענטפערן אמן נאך זיינע ברכות, און האלט זיך אפ צוליב בושה...

איך פריוואט שעם זיך מער פון די הארציגע ווערטער פון הצדיק רבי יעקב קטינא דער חוסטער דיין אין זיין ספר 'רחמי האב' (אות נו) וואו ערווארנט אן זיינע קינדער: "מען זאל זיין זייער געווארנט צו ענטפערן אמן, **ווייל וואס וועט ער ענטפערן אין בית דין של מעלה ווען מ'וועט פרעגן: 'פארוואס האסטו נישט געענטפערט אמן - וואספארא פלאג איז דאס?!'** און אויף דעם איז דער רמז (תהלים פג יז): 'מלא פניהם קלון' - איז די סופי תיבות אמ"ן". ד.מ.: **יעדער וואס האלט זיך אפ פון ענטפערן אמן, וועט זיך אין ענדע שעמען ווען ער וועט אפגעבן דעם דין וחשבון אויף זיינע מעשים...**"

מען קען אפשר צולייגן צו דעם, עס שטייט אין שיר השירים (ד ח): "תָּשׁוּרִי מֵרֹאשׁ אֲמָנָה מֵרֹאשׁ שְׂנִיר וְחֶרְמוֹן מִמְּעֹנוֹת אֲרָיוֹת מֵהַרְרֵי נְמֵרִים". די ראשי תיבות: "אריות מהררי נמרים" איז 'אמן', פון דא דארפן מיר זיך לערנען אז דער וואס וויל מהדר זיין צו ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין, דארף צו זיין 'גיבור כארי' - קומען פריה אין שול, און 'עז כנמר' - זיך נישט שעמען בעטן פון א צווייטן זאל ענטפערן אמן נאך זיינע ברכות.

מיט א רוף "ונרוממה שמו יחדיו"
א גוט שבת
יעקב דוד מארמארשטיין

# חינוך אויף תפילה נישט צוליב פופציג דאללער...

די פאלגענדע ערציילונג האט דערציילט איינער פון גרויסע צדיקים פון ירושלים, הגאון הצדיק רבי גמליאל הכהן ראבינאוויטץ שליט"א, מראשי ישיבת 'שער השמים'. פון דער ערציילונג קען מען זיך אפלערנען די ריכטיגע בליק פון מחנך זיין אויף קומען פריה צום דאווענען, וואס די באגריף 'אייגענע מוסטער' קען זיכער צוגעבן און איינווארצלען אין דעם נפש פון דאס קינד.

'שבת התאחדות' - איז א באגריף וואס אין די לעצטע יארן געווארן א מנהג פון אסאך משפחות, ישיבות און קהילות. דער וואס האט זוכה געווען צו שפירן איר טעם ווייסט אז עס נישטא נאך אזאך אזוי ווי 'שבת התאחדות' צו קענען מקרב זיין די הערצער, פאראייניגן די נפשות, און אין די זעלבע צייט אריינבאקן חשובע געדאנקען און וויכטיגע דערהערן וואס וועלן באגלייטן די באטייליגטע אויף אסאך צייט און אויף לאנגע יארן.

דאס איז געווען אין א 'שבת התאחדות' וואס איז פארגעקומען ברוב פאר והדר אין איינע פון די ווינטער שבתים אין ישוב 'קרית יערים' וואו דער גאון וצדיק רבי גמליאל הכהן ראבינאוויטץ פון ירושלים איז אנוועזנד געווען. עס איז ארויסגעדינגען געווארן א גרויסער און שיינער פלאץ וואס זאל קענען אריינעמען די פיל באטייליגטע.



הגה"צ רבי גמליאל ראבינאוויטץ שליט"א

דער קלימאקס פון די 'שבת ההתאחדות' איז געווען דער 'שבת אחים' וואס איז אפגעראכטן געווארן שבת-ביינאכט אין די גרויסע זאל. די מעמד איז געווען געווידמעט בעיקר פאר די בחורים פון די קהילה, אבער נישט ווייניג יונגעלייט און קינדער האבן זיך אויך באטייליגט.

אינמיטן דער 'שבת אחים', נעבן די שיינע געדעקטע טישן, ווען די אויערן זענען אנגעשפיצט צו הערן און די הערצער זענען געעפענט אויף ברייט, האט זיך דער רב שליט"א אויפגעשטעלט רעדן פאר די בחורים. ער האט גערעדט פון א טעמע וואס איז נאנט צו זיין הארץ, א טעמע וואס דארף א תיקון כמעט אין איבעראל.

רבי גמליאל האט גערעדט איבער די טעמע פון קומען פריה צום דאווענען, ער האט מאריך געווען אין דעם ענין און אראפגעברענגט פאר די פארזאמלטע געקליבענע ווערטער און ערציילונגען פון גדולים און צדיקים איבער די חשיבות פון קומען פרי צום דאווענען, ווען פון זייניע ווערטער קומט ארויס זייער קלאר: דער וואס קומט צום דאווענען אין צייט ווייזט מיט דעם אז ער באציט זיך נישט צום דאווענען ווי א לאסט און 'מצות אנשים מלומדה'. נאר ער גלוסט צו קרבת ה', און ווייל ער באציט זיך צום דאווענען מיט א ערנסקייט, קומט ער פרי און ברענגט נחת רוח פארן באשעפער און איז דבוק אין אים.

"ווען מען קומט שפעט צום דאווענען, איז עס א שרעקליכע זלזול אין תפילה", האט דער רב געשריגן מיט ווייטאג, און האט צוגעלייגט און ציטירט א ווייטאגליכע פאלק'ס-ווארט, "ווען דער פאטער קומט צום דאווענען ביי 'ברוך שאמר', וועט זיין זון אנקומען ביי 'ויברך דוד', און דער אייניקל וועט שוין אנקומען ביי 'נשמת'...".

רבי גמליאל האט צוגעלייגט: "אין אונזערע צייטן זענען דא וואס 'קערן איבער די וועלט' כדי צו טרעפן סגולות אויף ישועות, א טייל פון זיי אזעלעכע סגולות וואס האבן נישט קיין מקור, און פון זיי אויך חשובע און אנגענומענע סגולות, אזוי ווי זאגן 'פרק שירה' אין לויף פון פערציג טעג אין איין צי', דאווענען נאנט צום בית המקדש במשך פערציג טעג, זאגן 'שיר השירים', 'נשמת', 'פרשת המן', די תפילה פון רבי מאיר'ל אפטער א.ד.ג., די סגולות זענען זיכער חשוב און טייער, אבער אין שולחן ערוך ווערן זיי נישט דערמאנט.

אקעגן דעם איז דא א סגולה, א גרויסע און דערהויבענע ביז גאר. די סגולה ווערט קלאר דערמאנט און איז אויך גע'פסק'נט להלכה אין שולחן ערוך אין הלכות תפילה (או"ח צ יד) און אזוי איז דאס לשון: "ישכים אדם לבית הכנסת כדי שימנה עם העשרה ראשונים'. און אין טור (שם) ברענגט ער צו די גמרא אין ברכות (מז ב): 'אמר רבי יהושע בן לוי: לעולם ישכים אדם לבית הכנסת כדי שיזכה וימנה עם עשרה הראשונים, שאפילו מאה באים אחריו - קבל עליו שכר כולם'", און אויך וואס עס ווערט געברענגט אין גמרא (שם ח א) אז רבי יהושע בן לוי האט באפוילן זיינע קינדער זאלן קומען פרי און אהיים גיין שפעט, ווייל אין דעם זכות זענען זיי פארזיכערט מיט אריכות ימים.

דער רב האט מאריך געווען און שטארק געבעטן פון די פארזאמלטע זאלן זיך מקבל זיין צו קומען פרי אין שול. צום סוף פון די דרשה האט איינער פון די צוהערער, א חשובער איד וואס איז אנוועזנד געווען און די פלאם פייערדיגע ווערטער האבן געמאכט אויף אים א גרויסן רושם, האט מיט התלהבות מודיע געווען פאר די בחורים, אז דערנאך וואס אלע האבן געהערט אזעלכע ווארעמע ווערטער אויף די גרויסקייט פון קומען פרי אין שול, האט ער באשלאסן מנדב זיין פו זיין טאש 500 דאללער וואס וועט צוטיילט ווערן מוצאי שבת צווישן די צען בחורים וואס וועלן מארגן זיין די ערשטע אין שול - 50 דאללער פאר יעדער פון זיי.

דערציילט רבי גמליאל: נאך די מעלדונג איבער די שיינע סומע וואס וועט מארגן פארטיילט ווערן צווישן די 'עשרה ראשונים', האב איך געהערט ווי א פאטער זאגט צו זיין קינד אין א פארלאשענע טאן: 'א שאד אז מיר זענען נישט קיין 'בחורים', וואלטן מיר געווען בחורים וואלטן מיר מארגן צוזאמען געקענט פארדינען הונדערט דאללאר... דו ווייסט דאך אז 100 דאללער איז אסאך געלט...'.

איך האב נישט געקענט זיך צוריקהאלטן און נישט מעורר זיין יענעם יונגערמאן אויף זיינע ווערטער וואס זענען געזאגט געווארן אן צולייגן קאפ. איך האב אים גערופן אין א זייט, כדי זיין זון זאל חלילה נישט הערן, און אים מעורר געווען אז עס קען זיין אז די ווערטער וואס ער האט געזאגט פאר זיין זון קען ח"ו פוגע זיין אין זיין חינוך. איך האב אים געזאגט אז לויט מיין מיינונג האט דאס קינד פארשטאנען פון זיינע ווערטער אז וועגן הונדערט דאללער לוינט זיך זיין פון די 'עשרה ראשונים', אבער די עצם זאך אז עס רעדט זיך פון א קלארע הלכה אין שולחן ערוך און אין טור ווערט אויף געברענגט די שכר אויף דעם, איז נישט גענוג אויף צו זיין פון די עשרה ראשונים. איך האב אים געזאגט אז לויט מיין מינונג, רעדן אזוי אן צו טראכטן קען דאס קינד נתחנך ווערן צו מזלזל זיין חלילה אין וואס עס שטייט אין שולחן ערוך, וועגן דעם לוינט זיך זייער ער זאל עס פארערכטן.

ווי גרויס איז געווען מיין שמחה ווען עטליכע מינוט שפעטער האב איך געזען ווי דער פאטער האלט א שמועס מיט זיין זון איבער די געוואלדיגע מעלה און כח פון רבי יוסף קארו בעל השולחן ערוך, אויף די ריכטיגע אמונה וואס מיר גלייבן אין יעדע ווארט און אות וואס שטייט אין דעם. די שמועס האט זיך פארצויגן און אין ענדע זאגט אים דער פאטער עס איז זיכער אז עס לוינט זיך פאר זיי ביידע זיי זאלן מקיים זיין צוזאמען די פסק פון שולחן ערוך איבער די עשרה ראשונים, כאטש זיי וועלן נישט באקומען די פופציג דאללער...

עס איז איבעריג צו פארציילן אז מארגן אינדערפרי איז דער פאטער מיטן יונגל געווען פון די ערשטע פון די עשרה ראשונים, קומענדיג פריה צום דאווענען אינגאנצן שלא על מנת לקבל פרס.

'ווי העמודים וחשוקיהם' נט עמ' נג

# ברכו אמוני

## א דערהויבענער בליק אויף די סדר הברכות

## די ברכה 'קדושת השם'

### די מקור פון די ברכה

די דריטע ברכה פון די 'שמונה עשרה' ווערט אנגערופן אין דער לשון פון די חכמים (מגילה יז ב) 'קדושות'. די חכמים (שם) לערנען ארויס אז מען דארף זאגן די ברכה פון 'קדושה' פון דער פסוק אין תהלים (כט ב): "הבו לה' כבוד שמו השתחוו לה' בהדרת קודש". דער פסוק איז געשריבן נאכן ערשטן פסוק פון דער קאפיטל, וואס איז מרמז אויף די ברכות פון אבות און גבורות, פון דא לערנט מען ארויס צו זאגן די ברכה פון קדושה נאך די ברכות אבות און גבורות.

דער טעם פארוואס מען דארף מסמיך די ברכה פון קדושה צו די ברכות פון אבות און גבורות ערקלערט דער כוזרי (ג יח): דערנאך וואס מיר דערקלערן ביי די ברכה פון אבות אויף די ברית וואס הקב"ה האט געטון מיט די אבות, און ביי די ברכה פון גבורות אויף דעם וואס ער געוועלטיגט מיט א שטארקייט אויף אלע באשעפענישן, קען דער מענטש חלילה טראכטן אז עס איז דא א געוויסע קשר און שייכות חלילה צווישן דעם באשעפער און די גשמיות'דיגע באשעפענישן, דעריבער דערקלערן מיר אין די ברכה אז דער באשעפער אליין איז הייליג און אפגעשיידט פון אלע קערפערליכע ענינים און מיר האבן נישט א באגריף אין אים און אין זיין גרויסקייט.

### די געבוי פון די ברכה

דער ברכה איז געווידמעט אונז זאגן, ווייל הקב"ה איז קדוש און זיין נאמען איז קדוש, דעריבער די אידן וואס זענען קדושים לויבן אים יעדן טאג, אזוי ווי עס שטייט (תהלים כב ד): "ואתה קדוש יושב תהילות ישראל" (סידור 'דעת קדושים').

אסאך פון די ראשונים שרייבן (רמב"ם סדר תפילות, נוסח ברכות התפילה; 'פירושי סידור התפילה לרוקח' סי' מז בברכה זו ועוד) אז אין די ברכה איז פארהאן נאר ניין ווערטער ביז צו די חתימה: "אתה קדוש ושמך קדוש וקדושים בכל יום יהללוך סלה". אבער דער 'אבודרהם' (שם) שרייבט אז מען דארף צולייגן נאך זעקס ווערטער: "כי א-ל מלך גדול וקדוש אתה", און אזוי איז 'נוסח ספרד'. דער 'אשל אברהם' פון בוטשאטש (סי' קיד) ערקלערט אז די וואס זאגן דעם לאנגן נוסח זענען מהדר אין די ציווי פון די חכמים (פסחים קד א) צו דערמאנען ביי די ברכות מעין החתימה סמוך לחתימה (שם).

### די באדייט פון די ברכה

די ברכה איז די לעצטע פון די דריי ברכות השבח וואס מיט דעם הייבט זיך אן די שמונה עשרה. די דריי ברכות ווערן פאררעכנט ווי איין ברכה, ווייל זיי האבן א פאראייניגטע ציל - מסדר זיין דער שבח פון באשעפער בעפאר די בקשות (רמ"א קיד ו; 'משנה ברורה' שם לג).

די ברכות זענען אויך פאראייניגט מיט דעם אז ביי זיי אלע זאגן מיר דעם טיטול 'מלך' אויף הקב"ה נאנט צו זייער חתימה: ביי די ברכה פון אבות - "**מלך** עוזר ומושיע ומגן"; ביי גבורות - "**מלך** ממית ומחיה ומצמיח ישועה", און ביי די ברכה - "כי א-ל **מלך** גדול וקדוש אתה". דער טעם ערקלערט דער אבודרהם (שמונה עשרה) אז די ברכות האבן אויך א באזונדערע חשיבות אז די דריי אבות זענען מרומז ביי זייער חתימה; 'מגן אברהם' - אקעגן אברהם. 'מחיה מתים' - אקעגן יצחק, וואס השי"ת האט אים מחיה מתים געווען מיטן הייסן פאר אברהם אים נישט שחט'ן דערנאך וואס ער האט שוין געהאלטן די מעסער אין זיין האנט, און איז שוין געווען גערעכנט ווי א מת. און 'הא-ל הקדוש' אקעגן יעקב וואס האט זוכה געווען אויפשטעלן ערליכע קינדער וואס אלע זענען געווען הייליג ('אבודרהם' תפילת שמונה עשרה).

### זאגן 'לדור ודור' ביי חזרת הש"ץ

עס זענען דא פון די ראשונים וואס שרייבן (רמב"ם ורוקח שם, ועוד) אז ווען דער שליח ציבור זאגט איבער, זאגט ער נישט די ברכה 'אתה קדוש' נאר די ברכה: "לדור ודור נגיד גדלך ולנצח נצחים קדושתך נקדיש ושבחך אלוקינו מפינו לא ימוש לעולם ועד כי א-ל מלך גדול וקדוש אתה", און אזוי פירן זיך די וואס דאווענען נוסח אשכנז. לויט זייער מיינונג נאר דער יחיד זאגט דער נוסח פון 'קדושה', ווייל ער זאגט נישט 'קדושה' ביי זיין תפילה, האט מען אנשטאט דעם מתקן געווען די ברכה 'אתה קדוש' וואס אין דעם דערמאנט מען דריי מאל 'קדוש' ["אתה קדוש ושמך קדוש... הא-ל הקדוש], כדי ער זאל דריי מאל זאגן 'קדוש' אזוי ווי דער ש"ץ ('כלבו' סי' יא).

אבער פון דער גר"א (אין זיין ביאור ישעיה יב ו) זעט אויס דער טעם פארוואס די ברכה 'לדור ודור' ווערט געזאגט נאר ביי די הויכע שמו"ע ווייל דאס איז א פארזעצונג צו 'קדושה', אנדערשט איז דער יחיד וואס זאגט נישט קיין קדושה קען עס נישט זאגן דעריבער זאגט ער 'אתה קדוש' ('ליקוטי מהרי"ח' סדר שמונה עשרה).

### די כוונה פון אמן

עס איז ריכטיג אז הקב"ה איז קדוש און מיר האבן קיין באגריף אין זיין קדושה (סידור 'נהורא השלם' שמו"ע).

# אוצר הברכות

## מאה ברכות אין די פרשה

## 'מאה ברכות' זענען מסוגל אויף שמירה

"הִנֵּה אָנֹכִי שֹׁלֵחַ מַלְאָךְ לְפָנֶיךָ לִשְׁמָרְךָ בַּדָּרֶךְ וְלַהֲבִיאֲךָ אֶל הַמָּקוֹם אֲשֶׁר הֲכִנֹתִי" (כג כ)

די סופי תיבות: "מַלְאָךְ לְפָנֶיךָ לִשְׁמָרְךָ בַּדָּרֶךְ וְלַהֲבִיאֲךָ" - זענען בגימטריה מאה. דיך צו לערנען אז אין זכות פון זאגן יעדן טאג מאה ברכות, זענען די אידן פארזיכערט מיט א באזונדערע שמירה פון יעדע צרה.

'קטרת סמים' [לר"א טענענבוים, ווארשא תרל"ט]

"וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו".

# מאוצרות אמונים

די סגולה פון ענטפערן אמן

## די שכר פון ענטפערן אמן

דעם גרויסן שכר וואס קומט אויף ענטפערן אמן קען מען זיך לערנען פון וואס די חכמים דרש'ענען (אגדת בראשית עט) אויפן פסוק: "כחוט השני שפתותיך **ומדבריך נאוה**" (שה"ש ד ג) - "ענקער 'מדבר' איז שיין פאר מיר, און אודאי די וואס זענען באוואוינט! און וואס איז דער מדבר? דאס זענען די עמי הארץ וואס קענען נישט לערנען חומש און משניות און נישט דרשות חז"ל, אזוי ווי א מדבר וואס וואקסן נישט דארט קיין פירות, און זיי גייען אריין אין די שוהלן, זאגן די ברכה פון 'ברוך יוצר המאורות' און 'מחיה מתים', אז דער אויבערשטער האט באשאפן און איז מחיה מתים, און זיי ענטפערן אמן, און זאגן מיר גלייבן אז ער איז מחיה מתים, און ער האט באשאפן די וועלט, אפילו זיי האבן נישט קיין שכר נאר פון די איין אמן, איז עס גענוג פאר זיי!"

און דער בעל 'פלא יועץ' שרייבט (ערך עניית אמן): "וועגן די וואס האלטן זיך אפ פון ענטפערן אמן וואלטן געוואוסט די געוואלדיגע שכר אויף ענטפערן אמן... וואלטן זיי נאכגעלאפן הערן און ענטפערן, 'כַּאֲשֶׁר יִרְדֹּף הַקֹּרֵא [א נאמען פון א געוויסע עוף] בֶּהָרִים' (שמואל א' כו כ), און זיך געפריידט אויפן איין אמן כמוצא שלל רב".

## כבוד און גרויסקייט צוליב ענטפערן אמן

רבינו בחיי (שמות יד לא) שרייבט אז דער וואס איז מכבד הקב"ה מיט ענטפערן אמן, אויף אים איז געזאגט געווארן (שמואל א' ב ל): "כי מכבדי אכבד". און טאקע אזוי, אין מסכת חולין (פז א, ע"פ רש"י שם ד"ה ארבעים) ווערט דערציילט פון א צדוקי וואס האט זיך גע'עקש'נט צו בלייבן ביי די סעודה ביז נאכן בענטשן, כדי צו ענטפערן אמן נאך די ברכות, און האט זוכה געווען אז ער מיט זיינע קינדער אין לויף פון עטליכע דורות זענען געווען צווישן די גדולי' וחשובי' רומי.

# אגרות אמונים

א בריוו פון א געטרייער לייענער

**צו די רעדאקציע פון 'וכל מאמינים'**

איך אנהייב פון מיינע ווערטער וויל איך אייך באדאנקען אויף די אינוועסטירטע בלעטל, און באזונדער פאר דעם בלעטל פון פרשת בא, אין וועלכע ענק האבן געברענגט א קורצן הסבר אויף די מקור און סגולה פון דעם מנהג צו זאגן ברכות השחר מיט א חברותא. די זאכן וואס זענען געשריבן מייסטערהאפטיג האבן מיך מעורר געווען, און איך אסאך פון מיינע באקאנטע. מיט הצלחה אויף ווייטער!

איך האב אויך באוואונדערט די מעשה וואס ענק האבן געברענגט וועגן דעם פעטער וואס האט מקפיד געווען אויף די 'מאה ברכות' און האט זוכה געווען אז זיין זון זאל זיך צוריקקערן אויפן ערליכן וועג. איך האב געוואלט קאמענטירן אויף דעם ענין ווייל אין "כל בו" (סי' א) שטייט אזוי: "צוליב דעם וואס יעדן טאג זענען געשטארבן **הונדערט בחורים** האט דוד המלך מתקן געווען מאה ברכות און די מגיפה האט זיך אויפגעהערט אזוי ווי עס שטייט (שמואל ב' כג א): 'נאם הגבר הוקם 'על' - 'על' איז בגימטריה מאה".

לויט אים, אז די עיקר מגיפה איז געווען צווישן די בחורים, שטייט אין הייליגן ספר 'אור פני משה' (מגילת איכה), אז עס איז דא א ספעציעלע פליכט מחנך זיין די בחורים צו זאגן די מאה ברכות, און ברענגט אויך א סמך אויף דעם פון פסוק (איכה ג כז): "טוב לגבר כי ישא **על** בנעוריו" - 'על' איז בגימטריה 'מאה', ד.מ. אז עס לוינט פארן מענטש וואס פון זיין יוגנט נעמט ער אויף זיך דעם עול פון זאגן מאה ברכות [און מען קען צולייגן אז '**ישא**' איז ר"ת "**י**ברך **ש**יענה **א**מן"].

איך האב געטראכט צולייגן אז דערפאר וואונטשן מיר דעם בר מצוה בחור, ער זאל זוכה זיין מקבל זיין אויף זיך דעם "על תורה ומצוות" – "על" איז גימטריא 'מאה', און דאס איז די ברכה, אז שוין פון אנהויב זיין ווען זאל ער מקבל זיין אויף זיך דער חיוב פון מאה ברכות, וואס ווי געזאגט איז עס א ספעציעלע חוב וואס ליגט אויף די בחורים.

**ביקרא דאורייתא**

**הרב חנוך בערגמאן - ירושלים**

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס
9139191@gmail.com

# צדיק באמונתו

אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא

## רבי מאיר פאפירש
### ב' אדר תב"ב


הר הזיתים

דער מקובל רבי מאיר הכהן פאפירש איז געבוירן אין קראקא וואס איז אין פולין אין יאר שפ"ד. פון קינדווייז אן האט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע ספעציעלע טאלאנטן, און ביי די דרייצן יאר האט ער שוין אנגעהויבן לערנען קבלה. זיינע עלטערן וואס האבן געזען זיין הצלחה האבן אים געשיקט קיין ירושלים ער זאל לערנען קבלה פון די גרויסע מקובלים פון ירושלים. ארויפגייענדיג קיין ירושלים איז ער טאקע געווארן איינער פון די עמודי התווך פון די ישיבת המקובלים אין ירושלים. ר' מאיר האט זיך געפלאגט צו צוזאמנעמען און איינארדענען די הייליגע כתבים פון אר"י הקדוש אין דעם בארימטן ספר 'עץ חיים', און ער האט א גרויסן חלק אין אסאך פון די כתבי האר"י וואס מיר האבן היינט.

דער חיד"א ('שם הגדולים' מערכת גדולים מ כז) דערציילט אז רבי מאיר האט מחבר געווען ל"ט ספרים, אבער נאר א טייל פון זיי זענען געדרוקט געווארן. ער איז נפטר געווארן אין ירושלים אום ב' אדר תכ"ב אין עלטער פון אכט און דרייסיג יאר און איז באערדיגט געווארן אויפן הר הזיתים.

## אמן נאך ברכות השחר – אפילו הונדערט מאל

אין זיין ספר 'אור צדיקים' (עמוד התפלה ו ב) ברענגט ער די הנהגה פון אר"י הק' ענטפערן יעדן אינדערפריה 'אמן' נאך די וואס זאגן 'ברכות השחר' אין שול, אפילו נאך הונדערט מענטשן. רבי מאיר ברענגט אויך די הנהגה הלכה למעשה, אין זיין ספר 'אור הישר' (עמוד העבודה ז): "דער מענטש דארף ענטפערן אמן נאך די ברכות השחר, אפילו ער הערט זיי הונדערט מאל".

## א תפילה יעדן אינדערפרי אויף די כוונה פון אמן

רבי מאיר איז זייער מאריך אין די געוואלדיגע טייערקייט פון יעדע אמן, און אין די טיפע כוונות וואס ליגט באהאלטן אין די ווארט. וויסנדיג אז ווייל מען ענטפערט אסאך מאל, איז שווער צו מכוון זיין יעדע מאל וואו עס דארף צו זיין, האט ער אין זיין ספר 'אור צדיקים' (תיקון תפילה סעיף נב) מתקן געווען א קורצע תפילה עס זאגן פארן דאווענען, און ער הייסט פאר יעדן צו האלטן די תפילה אין זיין סידור, און דאס איז איר נוסח:

"רבונו של עולם, גלוי וידוע לפניך שאני בשר ודם ואין בי כח לכוין כוונת אמן כראוי; בכן יהי רצון מלפניך, שתהא עולה כוונה שלי עם כוונת אמן מאותן השרידים שיודעים לכוין כראוי".